**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/20/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פינף 1 מיליאן דאלערדיגע געווינער פון 43נארט׳ס 8׳טע יערליכע סטאַרטאַפּ פארמעסט**

***פינף פירמעס געווינען יעדע 1 מיליאן דאלער אין א פארמעסט מיט אסאך צום געווינען אדער צום דערלייגן — פאראויס-ברענגענדיג די אינאוואציע עקאנאמיע אין מערב ניו יארק***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן די געווינער פון דעם אכטן יערליכן ׳43נאָרט׳ פיינעלס, ניו יארק סטעיט׳ס 5 מיליאן דאלערדיגע סטאַרטאַפּ פארמעסט וואס ווערט געהאלטן אין באפעלאו, אין וועלכע פינף פירמעס זענען אויסגעטיילט געווארן אן 1 מיליאן דאלערדיגן אינוועסטירונג פאר יעדע באזונדער. אין צוגאב צו די פינאנציעלע אינוועסטירונגען וועלן די פינף געווינער אריבערציען זייערע קאמפאניס קיין באפעלאו און ארבעטן פון דעם ׳43נאָרט׳ אינקובאטאר אין דער שטאט׳ס העכסטע סקיי-סקרעיפער, ׳סענעקאַ וואַן׳. די געווינער וועלן אויסגעמאלדן ווערן בשעת אן אויסצייכענונגס צערעמאניע ביי ׳שעי׳ס פערפאָרמינג אַרטס צענטער׳ אין באפעלאו.

״ניו יארק איז געווארן א מוסטער פאר שטיצן אינאוואטיווע עקאנאמישע אויפשטייג און דזשאב שאפונג, און פראגראמען ווי ׳43נאָרט׳ פארזארגן נייטיגע אינוועסטירונג און שטיצע צו די רעוואלוציאנערישע פירמעס פונעם צוקונפט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך גראטוליר די פינף געווינענדע פירמעס פאר׳ן זיך שאפן דער אייגנארטיגער געלעגנהייט און איך קוק ארויס מיט חשק צו זען ווי זיי ציען זיך קיין באפעלאו, נעמען אויף שטאב, שאפן פריוואטע קאפיטאל און אינוועסטירן אין פראפערטי און אויסריכטונגען. זייער ארבעט וועט בלויז צוגעבן צו א ראיאן וואס ווערט געשווינד אן עקאנאמישע גרויסמאכט.״

אין צוגאב צו באקומען איין יאר בחינם׳דיגע פלאץ אין דער געביידע׳ס אינאוואטיווע און צוזאמגעארבעטע טעכנאלאגיע צענטער, וועלן די געווינער אויך בענעפיטן פון א רייכע אויסוואל פון ארטיגע הילפס-מיטלען, ארייגערעכנט צוטריט צו ערפארענע מענטארס, פאטענציעלע קאסטומערס, ביזנעס אינצענטיוו פראגראמען און ׳43נאָרט׳ס׳ נעטוואָרק פון איבער 900 אינוועסטירער.

**די געווינער פון דעם 2022 ׳43נאָרט׳ פארמעסט זענען:**

**[׳אגאפע וועלנעס](#) - מאנראו קאונטי, ניו יארק**
גרונדער: קהאדעשא אקווודילי
׳אגאפע׳ איז א באציאונגען פארגינציגונגס פירמע וואס ניצט פערזענליכע פראגעס אונטערצוציגנדן באדייטנספולע געשפרעכן.

**[׳אמפא-וואורקס׳](#) - סענטע מאניקע, קאליפארניע**

גרונדער: ביאנקא גאנזאלעס
׳אמפא-וואורקס׳ איז א קאמערע וואס ניצט קאמפיוטער וויזיאן AI אויף צו האבן פולקאמע אינווענטאר זעעבארקייט אין פארמאסיס, מעדיצינישע מכשירים פירמעס, סורדזשערי צענטערס, קליניקס און שפיטעלער.

**[׳מאד טעק לעבס׳](#) - אוסטין טעקסעס**
גרונדער: אלעקסאנדריע פארטער
׳מאד׳ העלפט גרויסע פירמעס שאפן אוניווערסאלע D3 אינהאלט אויף א גרעסערן פארנעם דורך דיגיטיזירן דעם עכטן וועלט ניצנדיג בילדער.

**[׳אטראפי׳](#) - שיקאגא, אילינאי**
גרונדער: נהאט נגויען
׳אטראפט׳ איז א AI-באקרעפטיגטע SaaS פארזארגונג פארוואלטונג פלאטפארמע מיט׳ן פעאיגקייט צו אויטאמאטיזירן אויספאלגונג און אידענטיפיצירן ריזיקעס.

**[׳פוד׳](#) - ניו יארק, ניו יארק**
גרונדער: אלעקס פארמלי
׳פוד׳ אינטעגרירט זיך מיט אוניווערסיטעטן קארטלעך סערוויסעס צו שאפן א קשר צווישן סטודענטן׳ס פלעקס דאלער אקאונטס און דער ׳גיג׳ עקאנאמיע.

״43נאָרט׳ס״ געווינער זענען אויסגעוועהלט געווארן דורך די פאלגענדע פינאלס ריכטער:

- מעק קאנוועל דער צווייטער, גרונדער און פארוואלטונג שותף פון ׳רעיר-בריד ווענטשורס׳
- סערע גארסאן, פארוואלטונגס דירעקטארין פון מאדיסאן 25 און מיט-גרונדערין און COO פון ׳קאטערי׳
- גערי גינסבערג, שרייבער פון דעם בוך *׳פירסט פרענדס׳*, א באפעלאו געבוירענער, ערפארענער LP אין ניו יארקער פאנדס
- טארין דזשאונס לאעבען, פרעזידענט און גרונדער פון IRL ווענטשורס
- בען לערער, פארוואלטונגס שותף פון ׳לערער היפאו׳

**׳43נאָרט׳ פארזיצער מייק ווייסלער האט געזאגט,** ״יעדעס יאר זענען מיר אויפדאסנייע נתפעל פון די טאלאנט, ענערגיע און אינאוואציע פון די ענטרעפענורס וועלכע קומען צו אונזער שטאט זיך צו פארמעסטן פאר אן ארט אין דעם ׳43נאָרט׳ פארטפעל. מיר זענען דערהייטערט אויפצונעמען די נייע פירער קיין באפעלאו און זיי שטיצן אין עררייכן זייערע ענטרעפעניוריעלע צילן און גלייכצייטיג בויען און פארגרעסערן דעם פארנעם אין אונזער שטאט.״

**׳43נאָרט׳ פרעזידענט קאליען היידינגער האט געזאגט,** ״דאס ווארט איז ארויס איבער באפעלאו זייענדיג אן ארט אוועקצושטעלן אייער ביזנעס: מיר האבן באקומען איבער דאפלט די צאל איינשרייבונגען היי-יאר פאר דעם פארמעסט און מיר זענען אלע עדות ערשטהאנטיג איבער די ערפאלג פון דעם ׳43נאָרט׳ פארטפעל. און די הויכע אויפשטייג קאמפאניס ברענגען נייע געלעגנהייטן צו אונזער ראיאן פאר יעדן. מיר זענען דערהייטערט מיטצוטיילן די רייזע מיט אונזער יאר 8 גרופע און זיי אויפנעמען צו דער באפעלאו קאמיוניטי.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״ESD איז גאר שטאלץ איבער די גרונדונג ראלע עס האט געשפילט זינט N43׳ס גרונדונג. מיר האבן געוואוסט אז עס איז דא אן אויפשטייגנדער קאמיוניטי פון ענטרעפענורס וועלכע האבן גע׳חלום׳ט פון

צוקונפטיגע ערפאלג אבער וועלכע האבן געדארפט הילף אויף עס צו מאכן א ווירקליכקייט. ESD׳ס פינאנצירונג האט געשפילט א קריטישער ראלע אין דערהייבן באפעלאו׳ס נאציאנאלער שם אלס א צענטער פאר היי-טעק אינאוואציע אין ׳43נאָרט׳ און יעדע פירמע וואס האט געווינען אונזער סטאַרטאָפּ פארמעסט.״

דער פארמעסט איז טייל פון ניו יארק סטעיט׳ס באפעלאו ביליאן אונטערנעמונג מיט פינאנצירונג געשטיצט דורכ׳ן ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט. איבער די פארלאפענע זיבן יאר האט ׳43נאָרט׳ אינוועסטירט אין א פילפארביגע, אינדוסטריע אומקוקנדיג פארטפעל פון 59 קאמפאניס, 44 פון וועלכע האבן גרונדער פון קאלירטע אפשטאם און 28 פראצענט האבן פרויען גרונדער. פריער דאס יאר האט ׳43נאָרט׳ באריכטעט אז איר פארטפעל קאמפאניס האט געמיינזאם געשאפן איבער 1,000 דזשאָבס אין מערב ניו יארק. איבער 60 פראצענט פון ׳43נאָרט׳ס׳ פארטפעל בלייבן א ממשות׳דיגע אנוועזנהייט אין באפעלאו.

**איבער ׳43נאָרט׳**

43נארט איז אן עקסעלערעיטאר פראגראם וואס ריכט אפּ א יערליכע סטארטאפ פארמעסט, און אינוועסטירט 5 מיליאן דאלער א יאר צוצוציען און קולטיווירן הויכע-וואוקס קאמפאניס אין באפעלאו, ניו יארק. 43נארט׳ס פארטפעל קאמפאניס באקומען אויך בחינם׳דיגע אינקובאטאר פלאץ אין באפעלאו אויף איין יאר, אנווייז פון מענטארן אין פארבינדענע געביטן, און צוטריט צו אנדערע ביזנעס אינצענטיוו פראגראמען ווי צ.ב.ש. ׳סטאַרט-אָפּ ניו יארק׳. 43נארט אפערירט דורך די שטיצע פון גאווערנער קעטי האוקול, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, דער רעלף סי. ווילסאן דזר. פאנדעישען, און עטליכע אנדערע ספאנסירער. פאר מער אינפארמאציע וועגן 43נארט, באזוכט www.43north.org.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418